בס"ד

# חובת השעה!

## דברי התעוררות וחיזוק לאור המצב השורר בארה"ק

מאת הגה"צ **רבי יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

**יום ה' בראשית תשפ"ד העעל"ט**

'קדושה' | זיך קליידן בצניעות | שמירת עינים | שריי צום אויבערשטן | אמירת תהילים | פארוואס איז היטלער ימ"ש נישט אריין אין ארץ ישראל? | אַן אמת'ע קרעכץ! | דער געשאנק פון דוד המלך | "פסוקי בטחון" | נישט מורא האבן!

מורי ורבותי, **"עת צרה היא ליעקב, וממנה יוושע"** (ירמי' ל, ז). יעדער איינער ווייסט דאך ווי עס קוקט אויס דער מצבליידער, דער שווערער מצב מיט דער מלחמה וואס איז דא אין ארץ הקדושה, דאס פאָדערט מאיתנו צו פארבעסערן אונזערע דרכים.

### 'קדושה'

די ערשטע זאך און די חשוב'סטע זאך צו מעורר זיין איז, זיך פירן בקדושה, גיין אנגעטון בבגדי קדושה, בפרט די נשים זאלן גיין אנגעטון בצניעות.

עס איז דאך ידוע (סנהדרין קו.): **"אלוקינו שונא זימה"** - דער אויבערשטער האט פיינט דער שמוציגער תאוה. אויף קיין איין זאך שטייט נישט אזא לשון 'אלוקינו **שונא** זימה'.

די הייליגע תורה זאגט (דברים כג, טו): **"ולא יראה בך ערות דבר"** - מען זאל ביי דיר נישט זען קיין זאך פון א ערוה. (גלייך) נאך דעם שטייט: **"ושב מאחריך"**; אז עס איז דא אַן ערוה ביי אידן ח"ו, עס איז דא פגם הברית ביי אידן ח"ו, שטייט "ושב מאחריך" - דער אויבערשטער וועט זיך מסתיר פנים זיין פון כלל ישראל. ווער ווייסט וואספארא צרות עס קען ווערן אז דער אויבערשטער איז מסתיר פנים?! מיר דארפן דאך לעבן מיט השגחה פון דעם אויבערשטן בכל עת ורגע!

### זיך קליידן בצניעות!

על כל פנים, דאס איז זיכער אז עס ליגט אויף די אידישע ווייבער זיך צו מחזק זיין צו פארבעסערן זייערע לבושים, מאכן איידעלער די קליידער, מער צניעות'דיגע קליידער, נישט גיין מיט אזעלכע קורצע קליידער וואס איז מעורר תאוות מיט שמוץ רח"ל.

דאס איז א זאך וואס מען געפינט נישט ביי אנדערע זאכן - דער אויבערשטער זאגט 'ער האט דאס פיינט', ער האט פיינט פריצות.

ממילא פארקערט, דער אויבערשטער האט ליב צניעות; וואס מער א איד גייט בצניעות, האט אים דער אויבערשטער מער ליב, וואס א פרוי גייט אנגעטון מער בצניעות, האט איר דער אויבערשטער מער ליב איר צו טון טובות וואס זי דארף.

על כל פנים, די נשים דארפן פארבעסערן די לבושים, מער בצניעות, וועט דער אויבערשטער זיי בענטשן מיט אלע גוטע ברכות, נחת פון די קינדער, האבן שמחת החיים, מיט אלע ברכות.

### זיך מחזק זיין אין שמירת עינים!

די מענער זאלן מוסיף זיין אין שמירת עינים - היטן די אויגן. עס איז דא פול מיט טומאה און שמוץ; אז מען קוקט ווי מען טאר נישט, גייט אריין די טומאה פון קאפ ביז פיס - אלע איברים ווערן טמא אז מען קוקט אויף א פריצות'דיגע תאוה רח"ל! מען דארף אכטונג געבן אויף זיך מען זאל נישט טמא ווערן! **מיר זענען אידן!**

### שריי צום אויבערשטן!

יעצט איז דא א מצב פון א מלחמה, עס קומט א שונא, מען זוכט אזא עצה, אזא עצה, אלע סארטן מחשבות זוכט מען - 'וואס טוט מען? ווי גיין מען אנטקעגן? ווי גייט מען אנטקעגן?' אבער מיר ווייסן - נישט דאס איז די כוונה פון באשעפער, די כוונה פון באשעפער איז, גיב א שריי צום אויבערשטן, 'ריבונו של עולם, דו ביסט מיין גאט, דו קענסט מיר העלפן - העלף מיר!' אט דאס וויל דער בורא עולם, און דעמאלטס ווערט מען געהאלפן.

### מיר האבן א הייליגע תהילים!

מיר האבן א הייליגע תהילים! מען דארף זאגן אסאך תהילים בכוונה יעדן טאג. דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן תנ' ק"א): אין תהילים האט דוד המלך אריינגעלייגט אלע אידישע נשמות; וואס עס גייט איבער אויף

יעדן איד, שטייט אין תהילים, דאס איז דער ריכטיגער פשט אין תהילים. כל שכן די מצבים פון גאנץ כלל ישראל, דאס שטייט דאך אוודאי און תהילים.

דארף מען זאגן תהילים ווארט ביי ווארט בכוונה, מכוון זיין וויפיל מען קען, די סודות התורה און די עמקות פון תהילים איז דאך 'בלי גבול'! מען דארף מכוון זיין די פשוט'ע פירוש המילות, און אז מען קען נישט קיין פירוש המילות, זאל מען מכוון זיין צו זאגן גוט די ווערטער. זאגן נאך תהילים און נאך תהילים, דאס איז די בעסטע זאך וואס באשיצט פון אלע צרות ברוחניות ובגשמיות.

## פארוואס איז היטלער ימ"ש נישט אריין אין ארץ ישראל?

איך געדענק, בשעת די שָׂרים פון היטלער ימ"ש זענען שוין געשטאנען אין אנהויב ארץ ישראל נאכדעם וואס זיי האבן שוין אויסגע'הרג'עט מיליאנען אידן, דער פחד איז געווען דעמאלטס 'איום ונורא'. איז אין "ישעות יעקב" אין מאה שערים אין די שטיבלאך, געווען געפאקט מיט מענטשן, מען האט מתפלל געווען, מען האט געשריגן קולות משונות, אויך אין דער ווייבער שול פון "ישעות יעקב", דער פחד איז געווען מורא'דיג אין דער וועלט - מען האט דאך געוואוסט וואס ער האט געטון אין חוץ לארץ... און די תפילות איז ארויף צום אויבערשטן, עס האט זיי געכאפט א פחד, זיי זענען פלוצלונג אנטלאפן פון ארץ ישראל, דאס האבן מיר געזען 'עין בעין' - די אלע וואס געדענקען די מעשה.

ברוך השם, מיר זענען טאקע ניצול געווארן - די אידן פון ארץ ישראל זענען געבליבן. יארן ארום האט מען געזאגט אז אין חוץ לארץ האט מען נישט מתפלל געווען און אין ארץ ישראל האט מען יא מתפלל געווען, דערפאר זענען מיר ניצול געווארן.

פארוואס האט מען נישט מתפלל געווען? ווייל אזוי איז דאס, אז עס ווערט א טומל, פארגעסט מען וואס צו טון, פארגעסט מען וואו מען איז אויף דער וועלט. דער אויבערשטער האט געהאלפן, אין ארץ ישראל האט מען זיך דערוועקט, מען האט אויסגעגאסן דאס הארץ פארן אויבערשטן, מען האט מתפלל געווען, איז מען ניצול געווארן.

עס איז געווען פינעף וואכן פאר תשעה באב, א שַׂר פון היטלער ימ"ש האט דעמאלטס געזאגט, 'תשעה באב וועט ער זיין ביים כותל!'... - עס איז געווען א מורא'דיגע זאך; ווייל היטלער ימ"ש, ביי א פראנט וואס ער האט געזאגט אז אין דריי וואכן ארום וועט ער זיין אין דעם שטאט, פונקט דעמאלטס איז ער געווען אין דעם שטאט; נאכדעם אז ער האט געזאגט אז אין פיר וואכן וועט ער זיין אין דעם שטאט, איז מען דארט געווען; וויפיל ער האט געזאגט אז עס וועט געדויערן די התקדמות פון די פראנטן, איז מקוים געווארן 'פונקט'. איז ביי אנהויב ארץ ישראל האט ער געזאגט, 'תשעה באב וועט מען זיין ביים כותל!' איז געווען דער פחד 'איום ונורא', ווייל ביז דעמאלטס איז וואס ער האט געזאגט איז אנגעקומען למעשה רחמנא ליצלן.

דא אין ארץ ישראל - די תפילות וואס האט זיך אפגעטון, וויפיל טרערן מען האט פארגאסן, האט ער געכאפט א קלאפ! אז ער איז שוין געגאנגען אויף צוריק, איז ער שוין געגאנגען אויף צוריק אינגאנצן 'עד חרמה'. דאס הייסט, ארץ ישראל האט אים געגעבן א קלאפ - און ער האט אנגעוואוירן אינגאנצן, ער איז נעלם געווארן אינגאנצן.

## אַן אמת'ע קרעכץ!

על כל פנים, זעט מען דאך, אידן ווייסן וואס דער אויבערשטער וויל, דער אויבערשטער וויל א ריכטיגע קרעכץ, 'ריבונו של עולם, דו ביסט מיין גאט, דו קענסט מיר העלפן!' - אט דער קרעכטץ וויל דער אויבערשטער, דעמאלטס קומט די ריכטיגע ישועה. דארף מען זיך טאקע נעמען.

## דער געשאנק פון דוד המלך

ברוך השם, מיר האבן געהאט א קייסער - 'דוד מלך ישראל', ער האט איבערגעלאזט א תהילים ברוח הקודש, 'ברוח הקודש גבוה' (ליקוטי מוהר"ן תנ' ע"ג), עס איז געווען מקובל מסיני אז עס וועט זיין כ"ד ספרים, האבן די אנשי כנסת הגדולה פארשטאנען אז "תהילים" גייט אויך אריין אין די כ"ד ספרים. מיר האבן א הייליגע תהילים! רבותי, זאגט תהילים, נאך א קאפיטל, נאך א קאפיטל, ענדיגט תהילים - הויבט אָן נאכאמאל, מיר האבן א הייליגע שפראך!

## חזר'ן "פסוקי בטחון"

אזוי אויך, עס איז דא א ספר אפגעדרוקט מיט אלע פסוקים פון בטחון, עס איז דא אַן ענין צו זאגן אלע טאג, א בלעטל, צו עטליכע בלעטלעך, פסוקים פון בטחון - (מלוקט) פון 'תהילים' און פון 'כל התורה כולה'! מען זאגט נאך א פסוק פון בטחון, נאך א פסוק פון בטחון, אט דאס ברענגט בטחון, דאס ברענגט אלע ברכות און אלע ישועות.

## נישט מורא האבן!

בכלל, מען דארף וויסן - מיר האבן א ריבונו של עולם! ער האט אונז געהאלפן און ער וועט אונז העלפן! נישט האבן קיין פחדים פון דער מצב! נאר האבן נאך מער אמונה! נאר תהילים! נאך רעדן פון ישועות ה'! האבן וואס מער אמונה און גלויבן אין דעם אויבערשטן!

יעדער מענטש זאל זיך בארעכענען, ביז יעצט האט אים דער אויבערשטער אזוי שטארק געהאלפן, וועט אים דער אויבערשטער אוודאי ווייטער העלפן! וואס דארף ער האבן מורא? ער האט דאך געזען אז דער אויבערשטער גיט אכטונג! ממילא דארף מען זיך שטארקן אין אמונה! **"אין עוד מלבדו"!**

דער אויבערשטער גיט אכטונג אויף אונז! קיינער קען נישט טון אויף אונז קיין שלעכטס אָן השם יתברך!

על כל פנים, דער אויבערשטער זאל העלפן אז יעדער זאל זיין אפגעהיטן בכללות ובפרטית פון אלע צרות און עגמת נפש און געהאלפן ווערן מיט אלע ברכות און אלע ישועות במהרה בימינו.

**צו הערן דער דרשה רופט "קול דורשי יחודך" 718-586-5199 | #60**
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל, אזוי אויך די קונטרסים וואס קומט ארויס חודשליך,
שיקט אַן אימעיל צו: Dyyms12@Gmail.Com